# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:46
מוצאי שב"ק.....................7:13

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................עמוס ב'-ג'
בבלי...............................נדה ג'
ירושלמי......................שבת נ"ג
תוספתא......עבודה זרה פרק ד'
רמב"ם..........גזילה ואבידה י"ג

פרשת בראשית, כ"ז תשרי, מברכים חודש חשון, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 5 (419)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת

דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' שָׁאוּל מִטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז ר' נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק, אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ווִי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת, הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען ווִי שָׁאוּל פַּאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן"; ר' נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן. וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַ מָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ, אוּן דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אוֹיף זִיךְ: 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין', וָואס אִיז אַ תּוֹצָאָה פוּן דָאס וָואס מֶען קוּקְט זִיךְ אָן, אוּן מֶען זֶעט זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, נִסְיוֹנוֹת, נְפִילוֹת, וְכוּ' וְכוּ', מֶען טְרַאכְט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן מִיר'. דָאס אִיז אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶער טָעוּת, וַוייל דַוְקָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַּאלְט אַרָאפּ אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ הֶעלְד. אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטַארְק, שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט אָן פוּן דָאסְנֵיי, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק ווִי אַ לֵייבּ אַז וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ו) אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה; "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא), דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר אַרַיין וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ זִקְנָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין פְלָאנְטֶער.

מֵיין נִישְׁט אַז צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נְפִילוֹת וְכוּ', דֶער חִילוּק אִיז, אַז דִי צַדִיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ, זֵיי הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִיק וָקָם", אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ הֵייבְּט עֶר אָן פוּן דָאסְנֵיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר עֶר קוּקְט אוֹיף פָארְאוֹיס. דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, וַוייל זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ.

אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַרָאפּ גֶעפַאלְן, שְׁטַארְק מֵיינְט, אַז וֶוען מֶען פַאלְט הֵייבְּט מֶען זִיךְ הֵייבְּט אוֹיף, אֵיינֶער וָואס פַאלְט אוּן הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף - דֶער אִיז אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵץ תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְ'ן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִבְרֵי חַיִים" זי"ע אַז אִין שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען ווִיל דָאס יָאר טוּן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט, שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

#### דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, ווִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶוענֶען אִיז גָאר אַ

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט טָרוּד עַל הַמִחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְזֵלָה', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", מֶען פְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעגַנְבְ'ט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה?" דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָבִים תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים?



***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מִיט אַלֶעס אִין לֶעבְּן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר אַז מְ'דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מְ'דַארְף זַיין מְקָרֵב זַיין אוּן מַאכְן גוּט פִילְן שְׁטֶענְדִיג. אִיךְ בִּין נִישְׁט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַזוֹי, אוּן אִיךְ וֵוייס פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מְ'טוּט דָאס, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מְ'גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי קִינְדֶער אוּן דִי וַוייבּ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לא.) עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גוֹי צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא הִלֵל הַזָּקֵן אַז עֶר וִויל זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין בִּתְנַאי אוֹיבּ עֶר קֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וִוי לַאנְג עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פוּס, הָאט אִים הִלֵל הַזָּקֵן גֶעזָאגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער: "דְּעָלָךְ סָנֵי - לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבֵיד", וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֵר, "זוּ הִיא כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דוּ וִוילְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'דְּעָלָךְ סָנֵי - לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבֵיד, וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֵר'; וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר? מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דִיר? אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי.

אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן אוּן אַ גוּטֶער טַאטֶע, זָאלְסְטוּ בְּעִיקָר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ. גֶעבּ אַ קוּק וָואס דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל"; "בֵּית יַעֲקֹב" דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֶענֶער; בַּיי דִי פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן: "תֹאמַר", וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (מְכִילְתָא דִבְחוֹדֶשׁ, סִימָן ב; שַׁבָּת פז.): "בַּאֲמִירָה רַכָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן פַאר דִי מֶענֶער זָאל עֶר זָאגְן: "'וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל' - עוֹנְשִׁים וְדִקְדּוּקִין פָּרֵשׁ לִזְכָרִים, דְּבָרִים הַקָּשִׁין כְּגִידִין"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ וֵוייכֶע דִיבּוּרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי תְּפִלָּה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען (תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה), וואוּ עֶר בֶּעט אִין דִי תְּפִלָּה: "'וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵויטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיין וַוייבּ אֵיידְל אוּן שֵׁיין", אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין קַארְגֶער אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער, גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶענוּג, וִויפִיל מֶען גֶעבְּט קֶען מֶען אַלְץ מוֹסִיף זַיין נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תש"פ)

>>>>>>

הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֵיתֶּר צוּ דַאוֶונֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָּׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶונֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אָבֶער לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶונֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶונֶען", אָבֶער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶונֶען אִין שׁוּל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וִוי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס.

### מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פַארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ"ל, וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהְט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען ווִיל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

### זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

יֶעצְט אִין "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית" אִיז דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶּכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

### גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פַארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג,

<<<<<<

>>>>>>
דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוֶועהִילֶער זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְּלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים - מִטַּל הַשָּׁמַיִם - וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - וְרֹב דָּגָן - וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם - דָאס אִיז מִקְרָא. וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימּוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שבַּ"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

>>>>>>
בשמחת בית השואבה.

***

**פרייטאג חול המועד** איז געווען א שיינער סיום אויף מסכת תמיד, פון די טעגליכע שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר יעדן אינדערפרי, עס איז זיך צוזאמגעקומען א שיינער עולם אין די סוכה, און דער ראש ישיבה האט גערעדט אז מ'זעט ווי א איד כאפט אריין יעדן טאג א בלאט גמרא, וואס זעט אויס ווי א קלייניקייט, אבער מיט די צייט ענדיגט מען נאך א מסכתא און נאך א מסכתא, ביז מ'איז זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

***

אויף די צווייטע טעג יום טוב זענען אריינגעקומען פילע אנשי שלומינו אויף וויליאמסבורג מיטצוהאלטן די געהויבענע טעג פון יום טוב צווישן אנשי שלומינו.

**הושענה רבה** איז געווען א גרויסע התעוררות ביי די הושענות, דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען און מחזק געווען אנשי שלומינו אויף פארשידענע ענינים, ובפרט איבער דעם ענין נישט אריינצונעמען אינדערהיים קיין שום כלים וואס מ'קען זען אויף דעם שלעכטע זאכן, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז יעצט קען א מענטש מיינען אז פאר אים און פאר זיין משפחה וועט עס נישט שאטן, ווען עס וועט אבער אריבערגיין א צען צוואנציג יאר, וועט מען זען דעם גרויסן חילוק פון ווער עס האט געפאלגט די רבנים און נישט אריינגענומען אין שטוב קיין שלעכטע זאכן, ער וועט האבן א שיינע משפחה און זען אסאך אידיש נחת פון די קינדער און אייניקלעך, ווידער ווער עס איז אן אויבער-חכם און מיינט אז ער קען זיין קלוגער, וועט זיך דעמאלט רייסן די האר פון קאפ זעענדיג ווי זיין גאנצע משפחה איז צוגרונד געגאנגען רחמנא ליצלן.

***

**שמיני עצרת און שמחת תורה**, די צווייטע טעג יום טוב, האט מען געטאנצן די הקפות מיט גרויס פרייד, מען האט זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה, אז מען האט זוכה געווען די גאנצע יאר צו לערנען אסאך די הייליגע תורה, און אז עס קומט א פרישע יאר וואס מען וועט אנפילן מיט אסאך לימוד התורה און מיט מצות ומעשים טובים.

במשך דעם יום טוב האבן מיר געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א. ביי נעילת החג האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט אז אזוי ווי עס הויבט זיך אן דער נייער יאר, זאלן מיר זיך נישט לאזן נארן, נאר מיר זאלן אנהויבן מיט א פרישקייט צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און דאן ווען עס וועט קומען דעם קומענדיגן יאר שמחת תורה וועלן מיר זיך האבן מיט וואס צו פרייען אז מיר האבן אנגעפילט דאס יאר מיט גוטע זאכן, און ווען עס וועט קומען דער לעצטער טאג פונעם מענטש וועט ער האבן מיט וואס צו גיין צום טיש, ווייל נאר די תורה און מצות וואס דער מענטש כאפט אריין אויף די וועלט, נאר דאס בלייבט פון אים, און נאר דאס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט.

ספעציעל דער ענין פון מעביר סדרה זיין די פרשת השבוע יעדע וואך, א זאך וואס איז ליידער זייער נאכגעלאזט ביי אסאך מענטשן, און די סיבה דערצו איז ווייל מען וויל עס טון דוקא פרייטאג, און מען יאגט נישט אן דאס צו פארענדיגן. ווען מען זאל ווען אבער טון אזוי ווי דער שלחן ערוך לערנט אונז, אז פון זונטאג קען מען שוין אנהויבן מעביר סדרה זיין די וואכעדיגע פרשה, וואלט דאס יעדער איד געקענט באוויזן. זונטאג לערנט מען ביז שני און מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער די גאנצע וואך, און ווען עס קומט סוף וואך האט מען געענדיגט די גאנצע סדרה. אויסער דער חיוב וואס ס'איז דא צו לערנען די פרשה יעדע וואך שנים מקרא ואחד תרגום, איז מען אויך זוכה צו די געוואלדיגע הבטחה וואס חז"ל זאגן צו: "כל המשלים פרשיותיו עם הציבור, משלימין לו ימיו ושנותיו"- אז ווען א איד איז מעביר סדרה איז ער זוכה צו א גוטע לאנגע לעבן.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, סְ'גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ ב"ה אַ פַּרְנָסָה, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן אַלְץ פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט דִי מִינִימוּם וָואס הָאבּ אַ מִשְׁפָּחָה מִיט פִינְף מֶענְטְשְׁן דַארְף הָאבְּן צוּם לֶעבְּן.

סְ'אִיז אָבֶּער דָא טֶעג וָואס אִיךְ וֶוער זֵייעֶר שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַזֶעלְכֶע מַצָּבִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת מַכּוֹת אוּן מַסֶּכֶת מְגִילָּה גְמָרָא רַשִׁ"י, אַלֶעס אִין אֵייעֶר זְכוּת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פְּרוּבִּירְסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן וְכוּ'; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא"? וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג, "וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוּן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס; "מָאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר, וְכוּ'?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן - דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לג, אוֹת ג): "יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יָמִים: 'יְמֵי טוֹב וִימֵי רַע'", יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט גוּטֶע טֶעג אוּן שְׁוֶוערֶע טֶעג, וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג? זָאגְט דֶער רֶבִּי, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יד): "בְּיוֹם טוֹבָה, הֱיֵה בְּטוֹב", אִין אַ טָאג וָואס עֶס גֵייט דִיר גוּט, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי גוּטְס, "וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה", אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ קוּקְן, "הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ לָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל שָׁם הֵיטֵב הֵיטֵב, בְּוַדַּאי יִמְצָא שָׁם יְמֵי טוֹב", דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף גוּט אַרַיין קוּקְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מֶען זִיכֶער טְרֶעפְן גוּטְס; אַז מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִינֶעם שְׁוֶועריִקֵייט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מָלֵא רַחֲמִים אוּן עֶס אִיז אַלֶעס מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זְמַנִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תש"פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (מב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גְרֵייט זִיךְ צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

### קצב

עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר דִי נְסִיעָה, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט ר׳ יִצְחָק, דֶער בְּרוּדֶער פוּן ר׳ חֵייקְל, אַז עֶר זָאל פָארְן מִיט אִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

[פַארְדֶעם הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט בַּאגְלֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳ן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶענֶער נִישְׁט גֶעפָארְן וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶערְצֵיילְט אַז סְ׳אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ שַׁאפְן שֵׁיינֶע עֶפְּל פַאר דִי וֶועג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר טְרַאכְט פוּן שֵׁיינֶע עֶפְּל קֶען עֶר נִישְׁט פָארְן מִיט אִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ״אַז דוּ הָאסְט אִינְזִין שֵׁיינֶע עֶפְּל, קֶענְסְטוּ מִיט מִיר נִישְׁט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל״.

וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אִינְזִין גֶעהַאט נָאר רוּחְנִיוּת, אוּן אַז יֶענֶער טְרַאכְט פוּן גַשְׁמִיוּת, הָאט עֶר נִישְׁט וָואס מִיטְצוּפָארְן. דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען פַארְבּוּנְדֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן אוֹיבּ יֶענֶער פְּרוּבִּירְט זִיךְ בַּאקְוֶועם צוּ מַאכְן אוֹיפְ׳ן וֶועג, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בְּמֶשֶׁךְ דִי גָאר שְׁוֶועְרֶע רֵייזֶע, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן ר׳ יִצְחָק, דֶער בְּרוּדֶער פוּן ר׳ חֵייקְל, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה׳ מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִינְגַאנְצְן נָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן.]

### קצג

י״ח אִיָּיר, לַ״ג בָּעוֹמֶר, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן רֶבִּינְ׳ס הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם דָארְף סַאקִילֶע.

ר׳ יִצְחָק הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען גָאר ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן בַּיי דִי נְסִיעָה, שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים אַרוֹיסְפָארְן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיפְ׳ן וָואגְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט וָואס עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אָנְצוּקוּמֶען פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע קַיין סַאקִילֶע אִין אֵיין טָאג, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וַוייל דָאס אִיז אַ וַוייטְקֵייט פוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אַכְט אוּן אַכְצִיג קִילָאמֶעטֶער.

### קצד

אִין דֶעם דָארְף סַאקִילֶע הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָאס פְּלַאץ וֶועט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער יִשּׁוּב אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן. אוּן אַזוֹי הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט אַסַאךְ יָארְן שְׁפֶּעטֶער, שׁוֹין נָאכְ׳ן רֶבִּינְ׳ס פְּטִירָה, אִיז פוּן דֶעם דָארְף גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט מִיטְ׳ן נָאמֶען וַואזְשְׁנִישֶׁענְסְק.

### קצה

דָארְט אִין סַאקִילֶע אִיז נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זי״ע, וָואס אִיז שׁוֹין נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אוּמְגֶעפֶער צֶען יָאר פְרִיעֶר אִין יָאר תקמ״ח, אוּן עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז דֶער שֵׁם ״אַתָּה״ אִיז מְסוּגָל אוֹיפְ׳ן יַם צוּ בַּארוּאִיגְן דִי וִוילְדֶע כְוַואלְיֶעס, אוּן דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים פ״ט, י׳) ״בְּשׂוֹא גַלָּיו ׳אַתָּה׳ תְשַׁבְּחֵם״.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (חֵלֶק א׳, סִימָן רנ״ו) אַז מְ׳דַארְף נֶעמֶען פִינְף צֶעטְלֶעךְ, אוּן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף יֶעדֶע אֵיינֶע דִי וֶוערְטֶער ״וְרַב חֶסֶד״, וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, אוּן פִינְף מָאל הוּנְדֶערְט אַכְצִיג קוּמְט אוֹיס טוֹיזְנְט אוּן פִיר הוּנְדֶערְט, וָואס דָאס אִיז דִי אוֹתִיוֹת ״א״ אוּן ״ת״, אוּן דִי פִינְף צֶעטְלֶעךְ אִיז דֶער אוֹת ״ה״, אוּן אַזוֹי אִיז דָאס צוּזַאמֶען דָאס וָוארְט ״אַתָּה״, אוּן וֶוען סְ׳וֶוערְט אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ׳ן יַם, זָאל מֶען אַרַיינְוַוארְפְן דִי צֶעטְלֶעךְ אִין יַם, אוּן דָאס וֶועט בַּארוּאִיגְן דֶעם שְׁטוּרֶעם.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## א פרייליכער קידוש פאר פופציג דאלער

דעם דאנערשטאג איז פארגעקומען א פשוטע אבער פרייליכע שמחה אין ישיבה, ווען דער גרויסער מפיץ מו״ה ראובן בירנבוים הי״ו האט געגעבן א נאמען פאר זיין ניי געבוירן מיידעלע, און געגעבן קידוש אין ישיבה, און די גאנצע שמחה האט אים געקאסט וויינעגער פון פופציג דאלער.

ווי באקאנט האט דער ראש ישיבה שליט״א געמאכט גאר א שטארקע התעוררות נישט אויסצובריינגען אידיש געלט אויף טייערע חתונות וואס קיינער פארדינט גארנישט דערפון, נאר די בעלי שמחה חובות׳ן זיך אן און בלייבן מיט די הארץ ווייטאג פאר א לאנגע צייט.

עס איז אבער גאנץ פארשטענדליך אז נאכ׳ן מאכן טייערע קידושים, וואכנאכטס, בר מצוה׳ס, און אזוי ווייטער, קען מען נישט אנקומען צום שידוך און מאכן א ביליגע חתונה. דערפאר איז שיין צו זען ווי אזוי אנשי שלומינו הויבן שוין אן נאך פון יונגערהייט, ווען דאס קינד ווערט געבוירן, מ׳מאכט פשוטע ביליגע שמחות, יעדער פריידט זיך מיט און יעדער וואונטש אן מזל טוב, און דער בעל שמחה קען יעדן צוריק וואונטשן מיט א פרייליך און רואיג הארץ.

זאל דער אייבערשטער העלפן ער זאל זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**שמחה ונחת לרוב!**

***

## פרייליכע שטימונג אסרו חג סוכות אין ישיבה צום פרישן חתן

גרויס שמחה הערשט אין ישיבה צום פרייליכן בשורה פונעם פרישן שידוך פון א חשובער תלמיד הישיבה. דער חתן איז הב׳ נתן חיים סאלאמאן נ״י בן מו״ה אבנר הי״ו פון יבנאל עיר ברסלב בארה״ק.

דער חתן האט פאראגאנגענעם זומער געלערנט 40 מאל מסכת תענית פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה און מיט דעם געטון די סגולה וואס מוהרא״ש צוגעזאגט פאר די בחורים אין ישיבה.

אזוי אויך איז ער געווען ביים ציון הק׳ פון מוהרא״ש זי״ע וואו ער האט אויסגעזאגט גאנץ תהילים, אזוי האט ער געטון די ביידע סגולות וואס מוהרא״ש זי״ע האט געגעבן און צוגעזאגט אז ווער עס וועט זיי טון וועלן זיי טרעפן זייער שידוך.

דער חתן, אויסער זיין געוואלדיגע התמדת התורה אין ישיבה, וואו ער האט געלערנט יעדן טאג זיינע פילע שיעורים, אין חומש, משניות, גמרא, שו״ע, הלכה וכו׳ וכו׳, האט ער אויך אסאך ארויסגעהאלפן דעם ראש ישיבה שליט״א און צוגעלייגט א פלייצע צו וואו ער האט נאר געקענט.

און יעצט האט ער ב״ה זוכה געווען צו טרעפן זיין שידוך, ווי דער ראש ישיבה שליט״א זאגט אלץ אז די אלע וואס העלפן די מוסדות וועלן זוכה זיין צו טון א גוטע שידוך.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים!**

***

## הערליכע יום טוב סוכות ביי אנשי שלומינו

גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו דעם סוכות, ווען מיר האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויפ׳ן גאנצן יאר.

**מיטוואך אוונט חוה״מ** איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי׳ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה אין הויף פון בית המדרש אין וויליאמסבורג, אזוי ווי עס גייאנגען א שטארקע רעגן האט מען שנעל געענדיגט די סעודה און געבענטשט און דערנאך איז מען ארויף אין בית המדרש וואו דער ראש ישיבה שליט״א האט גערעדט דברות קודש, צום ערשט האט ער ארויסגעברענגט אז די רעגן אום סוכות איז א נסיון פון באשעפער צו זען אויב דער מענטש וועט זיך ווייטער האלטן פרייליך אפילו ווען זאכן גייען נישט אזוי ווי ער וויל, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט איבער די געוואלדיגע מתנות וואס דער רבי געבט אונז, בפרט די שטארקע אמונה וואס דער רבי ברענגט אריין אין אונז, אז מיר זאלן שפירן אז דער אייבערשטער איז מיט אונז אין יעדן מצב, און אזוי ווייטער אלע געוואלדיגע עצות פון הייליגן רבי׳ן, מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה אז מיר האבן דעם הייליגן רבי׳ן, יעדער מענטש אויף דער וועלט מוטשעט זיך, כאטש פון אינדרויסן קען זיך דאכטן ווי יעדן גייט גוט און נאר פאר מיר גייט עס נישט ווי איך וויל, איז אבער דער אמת אז יעדער האט זיינע אייגענע שוועריקייטן און נסיונות אין לעבן, ברוחניות און בגשמיות, און מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי׳ן, קען יעדער איד זיך שטעלן אויף די פיס און מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. נאך די דרשה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און זיך געפריידט

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

מו״ה **ראובן בירנבוים** הי״ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

החתן **נתן חיים סאלאמאן** הי״ו

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

***

מו״ה **ברוך מרדכי פעקעטע** הי״ו

צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ״י למזל טוב


## הבטחת מוהרא״ש

**מוהרא״ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן ״אשר בנחל״ און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**